## שיקט אפּ תיכף וואס איר זענט אונדז שולדיק!


# בית יעקב

ליטעראַרישער פּאָפּוליאַר-זשורנאַל

יאַרגאַנג 8 — נומער 64

אָרגאַן פאַר די אינטערעסן פון די בית-יעקב-שולן
און אָרגאַניזאַציעס בנות-אגודת-ישראל אין פּוילן
רעדאַקטאָר: א. ג. פרידמאַן

— דערשיינט יעדן צווייטן פרייטיק —

ב״ה, לאָדז פרייטיק פ׳ משפטים כ״ו שבט תרצ״א [redacted] Łódź 13 Luty 1931


# מיט אייגענע כּוחות!

די איר זעט, איז דאָס בנין פון בית-יעקב-סעמינאַר
שוין אויפגעשטעלט און אַצינד דאַרף נאָר דאָס
בנין אויסגעפּאַרטיקט ווערן פון אינעווייניק. גראָד די
די לעצטע אַרבעט ברויך אָבער נאָך אַ היפּש קאַפּיטאַל.
ביז צו קענען די טויערן עפענען פאַר אונדזערע
ערציערנס מוז מען נאָך האָבן אַ הון-רב.

ס׳איז פאַר קיינעם קיין סוד נישט, אַז אַלע וועגן
פון הילף פאַר דעם בנין פון אויסלאַנד זענען
פאַרשלאָסן. דער גרויסער ווירטשאַפט-קריזיס אין
דער וועלט האָט כּמעט ווי אינגאַנצן פאַר חתמית
אַלע מקורים פון שטיצע פאַר אונדזער בית-יעקב-
זאַך און נאָר מיר — מיט אונדזערע אָרימע גראָשנס
מוזן מיר אַלץ אויפבויען און אויסהאַלטן.

נישטאָ קיין אַנדערע עצה, ווי מיט אייגענע כּוחות
צו פאַרענדיקן דאָס ווערק. מיר מוזן דאָס מאָל פעסט
זיך האַלטן אין דעם פּרינציפּ פון „כּל המקיים את
התורה מעוני”. „בית-יעקב” איז אַצינד אַזאַ הייליקע
זאַך, אַז מיר זענען מחויב אָפּצושפּאָרן זיך פונים
לעצטן ביסן און דערפאַר שפּענדן.

פון הינדערטער שטעט און שטעטלעך הערן זיך
קולות עד לב השמים „ראַטעוועט אונדזערע
קינדער” און אַלע ווייסן דאָך, אַז בכדי ס׳זאָל קענען
געגעבן ווערן אַ ענטפער. ווענדט עס זיך נאָר אין דעם
פאַרענדיקן דעם סעמינאַר-בנין, וואָס גיכער און
שנעלער.

רופט זש-ע אייך אָפּ אין יעדן אָרט. וואַרט נישט
ביז מען וועט צו אייך קומען. אפילו די
מעגלעכקייט צו שיקן ספּעציעלע שליחים איז זייער
אַ קאַרגע. עפנט נדיבות-דיק אייער הענט און זאָל
יעדער פון אייך שוין צאָלן זיין חוב פאַר דעם
הויכן הייליקן מוסד!



דאָס בנין פון בית-יעקב סעמינאַר אין קראָקע

# געטלעכע לידער

## פון ד"ר שלמה בירנבוים

**לידער** און ניגונים זענען זייער וויכטיק אינים קולטור-אוצר פון אַ פאלק. דאָס זעט מען אויך פונים אינטערעס, וואָס די „אינטעליגענטע קלאַסן" פון פאלק ווייזן אַרויס צו די פאלקס-לידער. דאָס האט זיך אין אייראָפּע אָנגיהויבן מיט אַ צוויי-הונדערט יאָר צוריק, און מיטן נייעם נאַציאָנאַליזם האט זיך עס אין די לעצטע צענדליגער יאָרן אויך אַריבערגיטראָגן צו יידן. כאַראַקטעריסטיש פאַר די יידישע פאלקס-לידער איז די גרויסע צאָל רעליגיעזע לידער און דאָס חשיבות זייערס. ביי אונדז איז דאָס אַ זאַך, וואָס פאַרשטייט זיך פון אַליין. מיר זעען עס גאָרנישט. אבער מיר דאַרפן נאר געבן אַ קוק צו אַנדערע פעלקער, וועלן מיר באַלד גיוואָר ווערן, אַז ביי זיי איז נישט אַזוי. אַפילו ביי אונדזערע ברידער אין מַערב גיפינין מיר היינט כּמַעט גאָרנישט. זיי וויסן נאר פון די זמירות, וואָס שטייען גידרוקט אין סידור. קיין אנדער מַגע-מַשא האבן זיי נישט מיטן ניגון. אַ סימן, ווי ס-איז אָפּגישוואַכט ביי זיי דאָס לעבּידיקע יידישקייט.

כ-האב נישט בּדעה, מיך דאָ אַריינצולאָזן אין חקירות און דעפיניציעס, וואָס הייסט אַ פאלקס-ליד, וואָס אַ רעליגיעז פאלקס-ליד. כ-וויל דאָ פּשוט ברענגען צוויי לידער, איינס פון היינט, איינס פון אַלטע צייטן. דעמלט פלעג מען דאָס רופן „געטלעכע לידער". ס-וואָלט גיוועזן אַ מצווה, צונויפצוקלויבן אונדזער פאַרמעגן פון פאַרצייטנס און היינט — כ-רעד דאָ נאר פון יידיש — וועלן מיר האָבן צו דערקוויקן זיך. איין חסרון נאר, וואָס מיר קענין נישט וויסן די אַלטע ניגונים.

**דאָס** ערשטע לידל איז פונים חסידישן טיפּ, אויב איך מעג זאָגן אַזוי. ס-גיסט אויס דאָס בענקשאַפט פון דער יידישער נשמה צום רבונו-של-עולם. ס-איז איינס פון די אינטערעסאַנטע לידער, וואו ס-איז אין מיטן טעקסט אויך טיילן אין אַ פרעמד לשון. מובן מאליו, אַז מיר האבן דאָ נישט צו טון מיט אַסימילאַציע. מ-האט גיזאָגט, [illegible] דאָס אַריינגעמען אַ פרעמד לשון אין רעליגיעזע לידער איז אַ מיטל פונים [illegible] התלהבות, אויסצוזאָגן [illegible] טיפער. אַרויסצורייסן זיך פון די אייגינע גרעניצן.—דער פאַרים „פּאַנאַ" ווייזט, אַגב אורחא, אַז דער באַשאַפער פונים לידל איז נישט גיווען קיין שטאַרק פאַר-פּוילישטער מענטש.—די פּוילישע u גיב איך איבער מיט „אָ". אין אַ טייל ווערטער וועט דאָס אַפילו זיין אין הסכּם מיט דער היסטאָריע פונים קלאַנג. און אַצינדערט דאָס לידל אַליין:

**ס-איז** אַמאָל גיווען אַ פּאַסטעך,
האט ער גיפּאַשיט שאָף,
איז אויף אים גיפאַלן אַ זיסער שלאָף.
אַז ער האט זיך אויפגיכאַפּט,
האט ער גיזען, אַז די שעפּאַלעך זענין נישטאָ.
האט ער גיגעבן אַ גישריי:
„אוי! באַראַניאָ, באַראַניאָ!"
און אַז די שעפּאַלעך זענין נישטאָ,
און אַז די שעפּאַלעך זענין נישטאָ,
זענין, זענין נישטאָ —
נעמט ער אַפּיר דאָס פּידאַלע,
און שפּילט זיך צו דאָס לידאַלע:
„דאַלאַי, דאַלאַ, דאַלאַידאָ,
דאַלאַי, דאַלאַי, דאַלאַידאָ —
יאַק יאַ פּאַידע דא דאמאָ,
דא סוואיעגא פּאַנאַ,
אַז די שעפּאַלעך זענין נישטאָ!"

איז ער גיגאַנגין ווייטער,
האט ער גיטראָפן אַ באַרג מיט שטיינער,
האט ער גימיינט, אַז ס-איז די שעפּאַלעכס ביינער.
האט ער גיגעבן אַ גישריי:
„אוי! אַא"וו

איז ער גיגאַנגין ווייטער,
האט ער גיטראָפן אַ באַרג מיט דערנער,
האט ער גימיינט, ס-איז די שעפּאַלעכס הערנער.
האט ער גיגעבן אַא"וו

איז ער גיגאַנגין ווייטער,
האט ער גיטראָפן אַ באַרג מיט עפּאַלעך,
האט ער גימיינט, ס-איז די שעפּאַלעכס קעפּאַלעך.
האט ער גיגעבן אַא"וו.

איז ער גיגאַנגין ווייטער,
האט ער גיטראָפן אַ באַרג מיט שטרוי
האט ער גיזען, אַז די שעפּעלעך זענין שוין דוי
האט ער גיגעבן אַ גישריי:
„אוי! באַראַניאָ, באַראַניאָ!"
און אַז די שעפּאַלעך זענין שוין דאָ,
און אַז די שעפּאַלעך זענין שוין דאָ,
זענין, זענין שוין דאָ—
נעמט ער אַפּיר דאָס פּידאַלע
און שפּילט זיך צו דאָס לידאַלע:
דאַלאַי, דאַלאַי, דאַלאַידאָ,
דאַלאַי, דאַלאַי, דאַלאַידאָ —
טעראַז יאַ פּאַידע דא דאמאָ,
דא סוואיעגא פּאַנאַ,
ווייל די שעפּאַלעך זענין שוין דאָ!"
כְּבַקָּרַת רוֹעֶה עֶדְרוֹ,
מַעֲבִיר צֹאנוֹ תַּחַת שִׁבְטוֹ!"

ווער ס-איז דער מחבר פון דעם דאזיקן ליד, ווייס איך נישט. עפּיס האט מען גירעט, אַז דאָס איז גיווען אַן-אונגערישער גדול. נאר אפשר איז דאָס בלויז אַ השערה, גינומען פונים אונגערישן פאַרים „דוי" שטאַטס „דאָ". פון דער אַנדערער זייט אבער איז אויך פאַראַן דער פאַרים „דאָ", ווי מע זעט פון די גראַמין „באַראַניאָ—דאָ" און „דאַלאַידאָ—דאמאָ—פּאַנאָ — דאָ". וואָלט מען דערפון גידאַרפט דרינגין, אַז דער מחבר איז גיווען פון אַ קאַנט, וואו מע רעט ביידע ווערטער, אדער ער אַליין האט גימישט די דיאַלעקטן.

דער עיקר זענין אבער פאַר אונדזער פּראָבלעם די פּוילישע ווערטער. איך ווייס נישט, צי אין אונגערן — אין היינטיקן אדער אין אַמאָליקן — טרעפן זיך יידיש-פּויליש און מאַדיאַריש אויף איין שטח. *)

כ-בעט אַלע, וואָס קענין נוכחאות פון „די שעפּאַלעך" — אַפילו אויב דער חילוק זאל זיין נאר אין אַ פּאָר ווערטער, זיי זאלן

*) דאָס דאזיקע ליד איז היינטיקן זומער אָפט געזונגען געוואָרן מיט גרויס התפּעלות ביי די „בית-יעקב" קורסן אין ראַבקע. און בפרט אין מוצאי שבתדיקע נאַכט וועלן סן-הסתם נאך זייער לאַנג גידענקן אַלע, וואָס זענין דאָרטן גיווען


בית יעקב-לודז/גליון/שנה ח/גליון 064 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

מיר דאָס אַרײַנשיקן, און אַ חוץ דעם בעט איך נאָך, מיר בּכלל אַרײַנצושיקן אַזוינע „געמלעכע לידער": יידישע, יידיש-לשון-קודשע און לשון-קודשע. מיטן צװײטן מין מײן איך אַזוינע װי למשל:

אוי װײ, גיװאַלד! אוי װײ, גיװאַלד!
רבּונו-של-עולם, דו זעסט דאך אַלײן,
כּי שחה לעפר נפשנו,
דבקה לאָרץ בּטננו,
קומה, קומה עזרתה לנו!

מיטן דריטן מין מײן איך פּסוקים און דאָס גלײַכן, װאָס װערן געזונגען מיט באַזונדערע ניגונים. למשל:

עוצו עצה ותופר
דברו דבר ולא יקום
כּי עמנו קל.

אדער מיט װאַריאַציעס, איבערחזרונג פון טײלן וכדו'. למשל:

ישמחו במלכותך
שומרי שבת,
שומרי שבת
וקוראי עונג
שבת!
עם מקדשי שביעי
כּולם ישבעו ויתענגו,
ישבעו ויתענגו
מטובך:
שבת!
אא"וו.

כ-בעט, תמיד צו פאַרשרײַבן, װאו מ*-האט גיהערט דאָס ליד אדער דעם ניגון; פון װעמען; פון װאַניט יענע־ איז און פון װאַניט ער קען די זאַך; אדער אָנװײַזן אַז אין יענער שטאָט, אין יענעם שטעטל, קענען [illegible] אַלע; [illegible] מע װײסט עפּיס װעגן אַ מחבר, בּכלל װאָס מער װעגן דעם ליד און זײַנע זינגער און פאַרשרײַבער. אויב מע קען נאָך צוגעבן נאָטן, איז דאך מה טוב, וכל המרבה לשלוח הרי זה משובח.*)

**גאָר** פון אַן אַנדערן שניט װי „די שפּאַלעך" איז דאָס אַלט-יידישע שבת-ליד, װאָס איך דרוק דאָ פון אַ כּתב-יד אין דער האַמבורגער ביבּליאָטעק. גישריבן איז דאָס פון אַ זאַקסישן ייד אין יאָר שכ"ד לפ"ק, אָבער דעם מחבר האט ער נישט אָנגיװיזן — ס-איז גיװען אַ מין פאָלקס-ליד.

אַזוי װי דאָס לשון װעט דעם הײַנטיקן לײענער זײַן שװער צו פאַרשטײן, גיב איך צו אַ פאַרטײַטשונג. אין אָריגינאַל איז דאָס ליד נישט גיטײלט אויף שורות, נאָר כּדי צו װײַזן דאָס משקל און פאַרגרינגערן דאָס לײענען, האָב איך עס דאָ גיטון. די אַלטע לאַנגע פערזן האָב איך דערבײַ גיטײלט אויף האַלב, און דאָס האט אַ יסוד אין עטלעכע גראַמען, װאָס װײַזן דאָס צופאַלן זיך פון די צװײ העלפטן פונים גרויסן פערז. כ-האָב אויך צוגיגעבן אָפּשטעל-צײַכנס.

**דעם** שבת װאָלין מיר זינגאַן,
און איינם װרײטאַג שפּאַט.
דער גאָט, דער אַלי דינג ור מאַג,
ודער מיך בשאַפן האָט.
דעם װיל איך זינגאַן לופּא אונ' פּרייז,
ואין גאַנציר װירדיקײט.
ער האט בישאַפין לויבּא אונ' גראַש
אונ' הימל אונ' ערד און װאַש דער װאַש
איא אם שבת װאַר עש אַליש בירײט.

**דיך** הימלשי בּרוט, דש ער אונש גאַב
װאָל אין דער װואושטנייא,
אם שבת װיל עש ניט האַרב
דאַר מאַג מן װאָול מערקין בייא,
דש דער שבת אישט איין ו.ער
אויבּר אַלי טאַג:
אם װרײטאַג עש צװויבּעכג װיל.
גאָטש לוב האַיז קיין ציל
איא, דער אַלי דינג װאָול ור מאַג.

**הוליט** דיך און דעם שבת װאַשט,
דש דו ניט גישט צו װײטאַ,
זו גיװוינשטו גלויק, רוא אונ ראַשט,
ודיין זיל װערט זוינדן קוויט.
נים בייא שפּיל בייא דעם רוזן מער,
ואיז דיינר זילן גוט:
אין דער װאָוכן גיט עש היין אונדי הער
אז װיא די אוינדן אין דעם מער —
איא אם שבת עש אך רואט.

הארכיון היהודי

**עש** שטיט גישריבן אין דער איא,
אונ אז איך אויך װיל זאַגין,
אם װרײטאַג שפּאַט ניט טון צו מער,
וקיין אונ' מוט זוילשטו טראַגן,
העלשטו דען שבת, אלז דו זוילשט.
עש װערט דיר ניט װערדן לייד,
צװויי ברכות קוכין ליג אויף דען טיש,
שפּרייט אויף דיין צװעלף גיהענדין —
איא אז אין אין דער מדבר װאַר גישב

ארכיון אסופות

**דיין** קידוש װיין, דען זוילשטו האַן,
דיין כּלים זוילשטו שװענקין,
אונ' הויט דיך װאַשיר דאַריין צו טון,
גאַר װאָל זוילשטו שענקין.
אונ' מאַך דען קידוש אויבּר דען װיין,
דש אין דעם הויזא אר שלט —
אויבּר איין יאַר װאָלין מיר צו ירושלים
אונזר זילן ליכט און שײן:
איא, שפּרעכט אמן אַל צו מאַל!

דאָס הײסט אין הײַנטיקן לשון:

**פאַרן** שבת לאָמיר זינגען, שפּעט אין אַ פרײַטיג ג-ט, װאָס קען אַלדינגס. װאָס האט מיך באַשאַפן, פאַר דעם װיל איך זינגען אַ לויב און אַ שבח מיטן גאַנצן כּבוד. ער האט באַשאַפן בלעטער און גראָז און הימל און ערד און דאָס, װאָס ס-איז גיװען — אום שבת איז טאַקי אַלדינגס גיװען גרײט.

**דאָס** הימלשע ברויט, װאָס ער האט אונדז גיגעבן אין דער מדבר, דאָס איז אום שבת נישט אַראָפּגיפאַלן — דערפון קען מען גוט אַרויסזען, אַז דער שבת איז אַ האַר איבער אַלע טעג: פרײַטיק איז עס גיפאַלן אין צװײען. ג-טס לויב האט נישט קײַן עק-ער. װאָס קען טאַקי גוט טון אַלדינגס.

**היט** דיך זײער אום שבת, דו זאָלסט נישט גײן צו װײַט, װעסטו פאַרדינען גליק, רו און מנוחה, דײַן נשמה װעט פּטור װערן פון עבירות. נעם אַ משל פונים ים-סוף, װעט דײַן נשמה זײַן גוט: אין דער װאָכן פאָרט ער אַהער, אַהין, אַזוי װי די אינדן (כװאַליעס) אינים ים — אום שבת רוט ער טאַקי אויך.

**סע** שטײט גישריבן אין דער תּורה, און װי איך װיל אײַך זאָגן: פרײַטיג שפּעט שוין גאָרנישט צו טון. אומעטיק טאָרסטו נישט זײַן. װעסטו האַלטן שבת אַזוי װי דו דאַרפסט, װעט דאָס דיר שוין נישט באַנג טון. צװײ חלות לײג אויפן טיש,

(סוף אויף זײט 15)

*) אַ ד ר ע ס:
Dr. S. Birnbaum, Hamburg 13 Dillstr. 19.



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ח/גליון 064 a הודפס מתוך הארכיון היהודי עמוד 3 מתוך 16

# די סדרה משפטים

פון **שרה שעבירער**

**ווייל** מיר זענען דאָ באַלד אין אָנהייב סדרה, איז אינצווישן אָפּגעהאַקט געוואָרן דאָס ווייטערע דערציילן פונים וואַנדערן פון די יידן אין דער מדבר. עס הייבט זיך אָן גאָר די געזעצגעבונג פון יידישער גערעכטיקייט, די באַציאונג צו באַשעפענישן, איבער וועלכע דער מענטש הערשט, די התחייבותן פונעם ייד צו דער ערד, צו פלאנצן, בהמות, צום אייגענעם גוף. און דערנאָך קומען די „מצוות" שבין אדם לחבירו, דערנאָך ווידער „עדות", וואָס באַגרינדן די געשיכטלעכע אמת-ן און נאָך שפּעטער „תורות", וואָס לערנען אונדז ווי אַזוי צו פירן אַ עכט יידיש לעבן און קומען צום ציל, צו עבודת ה'.

ערשט גאָר שפּעטער, אין ספר במדבר, באַנייט ווידער די תורה דאָס דערציילן פונים לעבן אין דער מדבר.

פאַרוואָס איז עס אַזוי?

באַלד דאָס ערשטע אות אין דער היינטיקער סדרה גיט אונדז אַ ענטפער. „ואלה משפטים"—ווי מיר ווייסן, איז אין דער פריערדיקער סדרה דערציילט געוואָרן מתן תורה, דאָס התגלות אלקות, די „עשרת הדברות" או"וו. דער סוף פון פרשת יתרו איז געווען, אַז דאָס מזבח דאַרף זיין געבויט פון שטיינער, די שטיינער טאָרן נישט זיין אַרומגעהאַקט און אויך זאָל דאָס מזבח נישט האָבן קיין טרעפּן אַרויפצוגיין דערצו.

וואָס איז דאָס אַזוינס געווען דאָס מזבח?

פון די מפרשי התורה ווייסן מיר, אַז דאָס מזבח איז געווען דער שטענדיקער פאַרבינדונגס-פונקט צווישן ג-ט און זיין פאָלק ישראל, חוץ דעם האָט דאָס מזבח אויך סימבאָליזירט די יידישע גערעכטיקייט דעם יידישן יושר און שוין דערפאַר האָט דער מזבח נישט געטאָרט זיין פון אייזן, ווייל דאָס אייזן איז דאָס מאַטעריאַל פון דער שווערד וואָס סימבאָליזירט מלחמה און דאָס איז דער היפּוך פון שלום און קדושה, וואָס דאָס מזבח לערנט.

דאָס איז די אמתע כוונה פון דער „וואָיו", מיט וועלכן ס'הייבט זיך אָן דאָס וואָרט ואלה. די „וואָיו" באַטייט אַז עס איז ענג פאַרבינדן דאָס אויפשטעלן גערעכטע און ערלעכע באַציאונגען פון מענטש צו מענטש מיט דעם פּרינציפּ פון אַחדות און שלום. עס קאָן נישט זיין קיין „משפטים" אָן די „מצ"ת".

אויך דערפון, וואָס עס שטייט „אשר תשים" און נישט „אשר תצוה" לערנען מיר אַרויס, אַז די תורה שבכתב ווערט ערשט ריכטיק פאַרשטאַנען דורך דער אויפקלערונג פון תורה שבעל פה.

ווען אַ לערער דיקטירט זיינס אַ תלמיד עפּיס, באַצייכנט זיך דער תלמיד בשעת דעם לערערס רעדן פאַרשידענע סימנים, כדי צו געדענקען אַלע פרטים פון דעם, וואָס דער לערער האָט ערקלערט, אַזוי, דאָס נאָר ער אַליין און נישט קיין אַנדערער וועט ריכטיק זיך קענען דערמאָנען שפּעטער בעת-ן איבערליינען אַלץ, וואָס דער לערער האָט געזאָגט און אַקצענטירט.

די תורה שבעל פה לערנט אונדז ביי יעדן אות אין דער תורה צו דער גיין די ריכטיקסטע כוונה און דעם אמת-דיקן זין פון יעדן וואָרט.

*

ווען מיר לערנען די דינים פון קנעכטשאַפט, אַנטשטייט די פראַגע ווי אַזוי קומט דאָס דערצו אַז ביי יידן זאָל זיין קנעכט, אין דער צייט, ווען ערשט נישט לאַנג האָבן זיי אַליין געפילט די גרויל פון קנעכטשאַפט און די שמחה פון פרייהייט.

די תורה אָבער האָט פריעראויס געוואוסט די נאַטור-אייגנשאַפטן פונים שוואַכן מענטש און געוואוסט, אַז דער ערדישער טייל פונים מענטש קאָן ווייט פאַרפירן און דעריבער האָט מען געוואָרנט צו פאַרהיטן דאָס פאָלק, און יעדן איינעם באַזונדער. ווי צו באַגיין זיך מיט אָנגעשטעלטע און ווי ווייט מעגלעך צו באַקעמפן די שקלאַפעריי, און זאָל יעדער וויסן אַז: „עבדי הם" דאָס יידישע פאָלק דאַרף נאָר זיין די עבדים פון ג-ט און דאָס אַליין איז ווי רבי יהודה הלוי רופט אויס: עבד ה' לבד חפשי הוא - נאָר דער וואָס גיט זיך אָפּ מיט עבודת ה', דער איז דער אמתער מענטש, וואָס האָט די פרייהייט זיך ערוואָרבן.

* * *

עס איז אוממעגלעך אין באַגרענעצטע שורות אויסצושמועסן אַלע עטישע און מאָראַלישע יסודות פון אונדזערע תורה-געזעצן, וואָס ווערן דערמאָנט אין דער היינטיקער סדרה. איך וויל אָבער נאָך דאָ זאָגן אַ וואָרט וועגן דעם זין פון, „ואחרי רבים להטות".

דער פּרינציפּ פון נאָכגיין די מערהייט האָט אין יידישן פאָלק תמיד געגאָלטן אַלס הייליקער פּרינציפּ און כאַראַקטעריסטיש דאָס היינט, ווען דערדאָזיקער פּרינציפּ איז געוואָרן אַ אַלמענטשלעכער קומען גאָר אַ סך אויסנוצן דאָס אויף צו באַגרינדן פאַלשע אידעען, און עס גייט אַזוי ווייט, דאָס מען וויל דערפון דרינגען, אַז דער מיעוט פון יידישן פאָלק זאָל זיך אונטערגעבן די אומות-העולם

אַוודאי אַלע מאָראַלישע און עטישע געזעצן פון דער תורה ווערן אין דער וועלט נישט אָפּגעהיטן. ווי אַזוי באַציט מען זיך צו אַלמנות און יתומים, ווי איז די באַציאונג צו נעמען און געבן פּראָצענט? וואָס איז מיט דעם „ואהבת לרעך כמוך", מיט „וחי אָחיך עמך" און ווי האַלט עס עפּיס מיט „מדבר שקר תרחק"? או"וו אין די אַלע דערמאָנטע זאַכן, איז דער רוב מענטשן הינטערשטעליק און מען טראַכט אַפילו גאָרנישט, ווי אַזוי עס איז די באַציאונג פון דער תורה צו די אַלע ענינים נאָר גראָד אויף „אַחרי רבים להטות" וויל מען געפינען אַ פאַלשן טייטש, בכדי לייכטזיניק דערפון צו דרינגען, אַז די מערהייט דעצידירט.

אונדזער הייליקער תורה האָט אָבער דאָס באַוואָרנט און לערנט אונדז דעריבער פאַר דעם „אַחרי רבים להטות" דעם „לא תהיו אַחרי רבים לרעות" — גיי נישט נאָך די מערהייט, ווען זי טוט שלעכטס".

ניין! אויך אַ סך מענטשן טון אַמאָל בלאָנדזשען און לאָזן זיך פאַרפירן אין אומריינע זומפּן און היינט זעען מיר דאָס אַמבעסטן. מיר זעען דאָס אי אין דער גרויסער וועלט אי אין דער יידישער וועלט.

מיר ווייסן גינוג, וויפיל שלעכטס און פאַרדאָרבנקייט עס איז היינט פאַראַן אויף דער וועלט. מיר זאָלן דעריבער היינט, פאַר די אויגן שטענדיק האָבן דעם „לא תהי' אַחרי רבים לרעות", לויף נישט נאָך די מערהייט, ווען זי טוט שלעכטס, אין דער ערציאונגס-אַרבעט מוזן מיר גאָר שטאַרק אָפּהיטן דעם „ולא תהיו אַחרי רבים לרעות".

אין דער יידישער גאַס ווימלט מיט שולן און דערציאונגס-אַנשטאַלטן און ליידער זענען פאַראַן אַ סך גאָר שלעכטע און נישט-רעליגיעזע שולן. דאַרף זשע יעדע מוטער און יעדער פאָטער וויסן, וועלכע שולן אויסצוקלייבן און דאָרט אָפּגעבן אונדזערע קינדער. פאַר די ייִנגלעך האָבן מיר חדרים און ישיבות, פאַר מיידלעך ב"י שולן צון בנות-אָרגאַניזאַציעס. מען מוז אויך זען אָנצוואָוענדן אַלע כחות, אַז די דאָזיקע מוסדות זאָלן ריכטיק קענען עקזיסטירן. דאָס קען און וועט נאָר דעמאָלט געשען ווען מיר וועלן ריכטיק אָפּהיטן דעם **לא תִהְיוּ אַחֲרֵי רַבִּים לְרָעוֹת !...**



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ח/גליון 064 a הודפס מתוך הארכיון היהודי
עמוד 4 מתוך 16

# מלחמה זכרונות

פון אליעזר שינדלער

מוקדש לאבי מורי ר' אברהם יצחק ב"י ויופיע

## יידישע מענטשן

### א.

**בלייבט** אלע יידן וואס זענען גיווען אויף די שחיטה-פעלדער אדער אין גיפאנגינשאפט האבן זיך גיפירט יידיש. נישט אלע האבן משיג גיווען וואס מלחמה באטייט... וואס גיפאנגינשאפט באטייט... אלע זעלנער סיי די אויפן פראנט סיי די וואס זענען גיווען גיפאנגין האבן א סך מאל גיזען דעם מלאך המות שוועבן איבער זייערע קעפ, נאר קיין בעל-תשובות זענען זיי נישט גיווארן, אפילו נישט גיקלערט וועגן אריין און הייליק לעבן. די אלע צרות און יסורים וואס זיי האבן גיזען און אליין אדורכגיגאנגין האט זיי נישט בעסער גימאכט... איך האב דא נישט במחשבה די יידן וואס זענען גיקומין פון אסימילירטע הייזער. די טשעכישע, מערישע, אונגארישע און דייטשע יינגעלייט. איך מיין דא דער עיקר די גאליצישע סלאוואקישע און בוקאווינישע יידן, וואס האבן גילערנט אין חדרים און גיזען פאר זיך פון קינדווייז אויף א יידיש און חסידיש פירעכץ א יידיש לעבן און שטרעבן. א סך פון די דאזיקע יינגעלייט זענען זיך אין גיפאנגינשאפט פארקראכן אין גאר קרומע וועגן... אויב זיי האבן בשעת זיי זענען גיווען אויף די מלחמה-פעלדער נאך א מאל גיהאט א שטיקל הרהור-התשובה, אין רוסלאנד האבן זיי וועגן דעם שוין אפילו נישט גיקלערט... מ-איז ארויס פונים פייער, מען הערט שוין נישט קיין מאשינעגיווערן, קיין גראנאטן און שראפנעלן, וואס דארף מען קלערן וועגן תשובה?... אז די וועלט באדט זיך ווייטער אין בלוט, נישט נאר אויף די פראנטן נאר אויך אין די ערטער דערפער און שטעט, וואס זענען ווייט פון די שיס גרובער, אז אויך אין דער גיפאנגינשאפט שטארבן טויזנטער מענטשן פון הונגער און קעלט און כל-ערליי מגיפות און קראנקהייטן — ווער האט וועגן דעם גיטראכט? ווער האט פון דעם [illegible] וואלט קלערן?...

### ב.

**נאר** עס זענען גיווען מענטשן יחידי-סגולה — בפרט צווישן יידן — וואס זענען אין דער צייט פון דער דאזיקער סדומישער מהומה גיבליבן צדיקים, זיי האבן זיך נישט גילאזט פארפלייצן פון די ברודיקע כוואליס, זיך נישט גילאזט אראפשלעפן, אריינרייסן אין דעם תהום פון פארדארבנקייט און שלעכטס... זיי האבן זיך גיווערט און זענען גיוואקסן אלץ העכער און העכער... און דערגרייכט א גרויסע מדרגה פון רחמנים און אהבת-השם...

ווינטער תרע"ו (1916) בין איך גיווען אויף ארבעט אין א פארווארפן דערפל טיף אין די סאמארער פעלדער... דער איינציקער ייד צווישן רוסן, מאדיארן, רומענער און טשעכן... און בין דארט קראנק גיווארן אויף מאלאריע... קיין דאקטער איז אין דער געגנט נישט גיווען, קיין שפיטאל אויך נישט. בין איך גילעגן א מסוכ'נער ביים פויער, אויפן פיעטשיק איינזאם און עלנט און ביטערע צרות. איך בין דעמלט אדורך אלע שבעה מדורי גיהנום. גיליטן יסורים אין לשער. אין פיבער גילעגן גאנצע טעג און נעכט, און שרעקליכע בילדער פון מיין צורייצטן מח האבן מיך גיפייניקט. — די רוסישע פאמיליע האט מיך גיפילגיווט, מיר גיהאלפן מיט וואס זיי האבן נאר גיקענט. מיר איז אבער נישט גרינגער גיווארן, קראנק און עלנט, הונדערטער מיילן פון דער היים, פון מיינע עלטערן, שוועסטער און ברידער, צי וועל איך זיי נאכאמאל זען? די שטוב א פרעמדע, די מענטשן פרעמדע און זייער לשון פרעמד. ווי מורא-דיק, ווי טיף איז גיווען מיין צער. דאס פלעמל וואס האט שטענדיק גיברענט אין א רויט לעמפל א קייגן איבער דעם יויזל האט זיך ווי גירייצט מיט מיר... „יועסט שוין פון דאנעט קיין לעבידיקער נישט ארויס, די גוים וועלן דיך באגראבן אויף זייער סמענטער, דו וועסט צו קיין קבר ישראל נישט קומין"...

### ג.

**דער** ווילדער צפון-ווינט האט אין דרויסן גיהוליעט און גיפייפט, ווי א חברה ווילדע לצים און שדים, און אז מען האט ארויסגיקוקט דורך די פארקאוויטע שויבן האט מען גיזען גלאנצן א רויטן קופערנים הימל איבער א מדבר פון שניי און אייז... דער ווינטער איז דעמלט גיווען אן אויסטערליש קאלטער, איז עמיץ ארויס איז ער צוריקגיקומין מיט אן-אפגיסמאליעט פנים, דער פראסט האט גיברענט און גישטאכן ווי גליעדיקע נאדלין. ווייט פון ויין אייגינים הויף איז קיינער נישט אוועק. מ-איז ארויס אין שטאל צו די פערד, שאף און רינדער, אדער אריבער צו א נאנטן שכן זיך לייען א קלייניקייט, וואס האט גראד גיפעלט אין שטוב, ווי: שוועבעלעך, זאלץ, אדער א ביסל נאפט...

י' טעג זענען גיווען קורצע, איינגישרומפינע און פארגליווערטע. די פארנאכטן האבן זיך אנגיהויבן ארום זייגער צווי נאכמיטיק. דער ווינט האט זיך צושפרייט מיט מורא-דיקע קולות, גיוויזן זיין כעס און גבורה מיט ווילדקייט און אכזריות. א סך מאל האט מען גיקענט מיינין, אז ס-קומין פון נאנטן סיביר סטאדיס גאנצע מיט טויזנטער הונגעריקע וועלף און באלד וועלן זיי זיך ווארפן אויף דעם גאנצן דארף, זיך אריינרייסן אין די שטאלן און הייזער און אויפעסן בהמות און מענטשן נישט איבערלאזן קיין לעבידיק באשעפיניש...

אין אזא פארנאכט האט זיך דער הונט פון אונדזער הויף צוהושיט, גישראקן, גיווארנט. עמיץ האט גיעפנט דאס טויער, זיך גינענטערט צום הייזל, גיקלאפט. דער פויער האט גיעפנט, און אריינגיקומין איז אן אומבאקאנטער מענטש איינגיהילט אין שאליקיס און שמאטיס מיט אן אלט עסטרייכיש זעלנעריש היטל אויפן קאפ. האספאדי! האספאדי! ג—ט א ג—ט! האט דער רוסישער פויער מיט זיינע שטוב מענטשן אויסגירופן, ווי לאזט מען זיך ארויס אין אזא צייט! פון וואנעט קומסטו? האט דער גיפאנגינער גיענטפערט אויף א גיבראכינע רוסישער שפראך; איך ארבעט ביי דער באן-ליניע, א דרייסיק ווערסט פון דאנעט. פון קאלעגן האב איך גיהערט אז ביי דיר ליגט דא א גיפאנגינער קראנק, בין איך גיקומין זען וואס ער טוט, ווי ס-גייט אים. דער פויער איז צוגיקומין צו מיין גילעגער אויפן פיעטשיק:

## אין קרינג

גיווען דא א דערפל, א ישוב,
די הייזער צושאסן צושטערט. *
פענצטער חפצים און טירן
צוווארפן צושפרייט אויף דער ערד.

זעלנער זיך יאגן ווי שאטנס
ארום צווישן גריבער און קברים.
און ס-זאמלט א ייד, אין דעם פייער
שמות פון הייליקע ספרים...

דער דיכטער שרייבט אונדז: ווינטער תרע"ה איז ער גיקומין אין א צושטערט דערפל אין די קארפאטן. די שלאכט איז גיווען אין סאמע ברען, שראפנעלן און גראנאטן זענען גיפלויגן אין דער לופט, און אין דער מיט פון דער מהומה האט זיך צווישן די חורבות ארומגידרייט א ייד מיט א זעקעלע און צונויפגיקליבן די שמות פון די צוריסלנע ספרים וואס האבן זיך גיוואלגערט אויף דער ערד...

רעדאקציע



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ח/גליון 064 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

הערכט לאזאר א חבר, א לאנדסמאן איז גיקומין דיך באזוכן, קום שטיי אויף, וועסט דיך זעצן אויף דער באנק ביים אויוון און איר וועט צוזאמין אייך אביסל אויסשמועסן אויף אייער לשון...

דער פויער האט מיר גיהאלפן, איך בין פאמעלעך אראפ פון מיין גילעגער. פאר מיר איז גישטאנין אן עלטערער ייד, אין צוריסינע צופליקטע מלבושים, „שלום עליכם" האט ער מיר גיזאגט מיט א הארציק רביש קול און גיקוועטשט מיר מיין שוואכע פיבערדיקע האנט. מיך אנידערגיזעצט אויף דער באנק לעבן אויוון, מיך גיגלעט און גיטרייסט, זיי בישט צוגילייגט, וועסט מיט השי"ת'ס הילף באלד גיזונט ווערן. מען שמועסט שוין שטארק פון שלום, וועלן מיר אהיימפארן און אלצדינג דערציילן אין פריירן אם י"צה השם, א ייד טאר נישט זיין צוגילייגט, א ייד מוז האבן בטחון, א ייד מוז האפן צום באשעפער, א ייד מוז מקבל זיין יסורים באהבה. קינד לעבן וואס זאל איך זאגן, איך בין שוין באלד חמישים, זעסט ווייזט ער מיר, א גראע בארד, צוויי זון זענין אין פעלד און וואו מיין ווייב און די קלענערע קינדער זענין ווייס איך נישט... מ'האט מיך פון פשעמישל גישלעפט קיין רוסלאנד... בין שוין גיווען אין סיביר אין טא קענט און אצינדערט ארביט איך דא נישט ווייט ביי דער ב"ן-ליניע, די ארביט איז שווער, נאר דער קאמענדאנט איז א גוטער לאזט ער מיך אוועק. ציידישי רופט ער מיך. אויף דער סטאנציע וואו איך ארביט קומין יעדן טאג פארשידינע גיפאנגינע פון דער גאנצער געגנט, איך זוך שטענדיק יידן צווישן זיי, פרעג נאך אויף יידן, נאר מען זעט נישט. נעכטן דערציילט מיר א מאדיאר, אז אין א דערפל נישט ווייט ליגט א קראנקער ייד א גיפאנגינער, האב איך גינומין רשות ביי מיין קאמענדאנט און בין אינדערפרי אהערגיגאנגין. אצינדערט קינד לעבן, נישט גיזארגט, וועסט מיט דעם אייבערשטנס הילף האבן באלד אין זיך א רפואה שלימה.

בשעת דער ייד האט צו מיר אזוי גירעט האבן זיך טרערן גיגאסן פון מיינע אויגן, רבונו של עולם! צי איז דאס באמת א ייד א ברודער?! צי גין דאס מעגלעך אז ער האט דא אהערגיפונין אין אזא מוראדיקן שטורם אין אזא פחדמדיקע נאכט, צי אפשר איז דאס אלץ א חלום, א דמיון פון מיין קראנקן פיבערדיקן מח, און לעבן מיר זיצט גאר א פרעמדער מוזשיק, א רוסישער בעטלער פון יענע אייביקע נע-ונדניקעס וואס וואגלין ארום סיי זומער סיי ווינטער איבער פעלדער און סטעפיס דערפלעך און שטעט?!

דער ייד האט גיזען מיינע ספקות, פארשטאנין מיין אומרואיקייט האט ער מיך נאך הארציקער גיגלעט גיטרייסט און גיבענטשט, מיר דערציילט מעשיות פון ר' ישראל בעל-שם-טוב און אנדערע גוטע יידן און מיך איינגישלעפערט ווי א יידישע מאמע שלעפערט איין איר קינד איר גיליבטן בן-יחיד...

אין דער פרי בין איך אויפגישטאנין א נייער מענטש. דער ייד איז לעבן מיר גיזעסן אין טלית און תפילין „גילויבט השם יתברך" האט ער אויסגירופן מיט פרייד: דו ביכט ב"ה גישלאפן א גאנצע נאכט, די היץ איז שוין אוועק, די סכנה איז גילויבט דער אייבערשטער אריבער. אצינדערט קינד לעבן מוז איך צוריק אויף דער סטאנציע כ'יויל דעם אפיציר נישט דערבייזערן, איך האף אז אין עטליכע טעג וועל איך ווידער קענין קומין.

מיר האבן נאך גיטרונקין צוזאמין טיי, דער ייד האט זיך מיט מיר גיזעגנט, מיר גיוואונטשן און גיוואונטשן. ווען דער ייד איז ארויס פון שטוב האט דער שטורם שוין גיהאט אויפגיהערט, די זון האט גישיינט, די שטראלן האבן די מענטשן דערמאנט, אז נישט אייביק וועט גידויערן דער ווינטער, אז פרילינג וועט קומען.

דאס עלנטקייט ארום מיר איז אוועק, די שטוב איז מיר פלוצים גיווארן היימיש און נאנט, איך האב נאך גיהערט די הארציקע מעשה לעך, די חסידישע רייד פון דעם ליכטיקן ייד, און גיזען די הייליקע גישטאלטן פון שפאלער זיידע, פון נועם אלימלך פון רבין ר' זישע און פון ר' משה לייב סאסובער...

# מלחמה

אויף פעלדער צווישן גארבן
יינגע זעלנער שטארבן.—

וואַרים בלוט רינט פון שטערן
טריפט אויף קליידער און גיווער.

עמיץ בוקט זיך לויפט און פאלט
טויטע ליגן לעבן וואלד...

הארכיון היהודי


## פארגרעסערטער יום-טוב נומער פון בית-יעקב זשורנאל נ. 67

## לכבוד דעם פיניף יעריקן יובילעאום פון בנות-אגודת-ישראל

**לכבוד** דעם פיניף יעריקן יובילעאום פון בנות-אגודת ישראל, מאכן מיר שוין הכנות ארויסצוגעבן א פארגרעסערטן יום-טוב נומער פון **בית-יעקב-זשורנאל**. אלע אונדזערע פריינט גידענקן נאך, דעם יובל נומער פון אונדזער זשורנאל און די גרויסע פרייד, וואס דער דאזיקער נומער האט ארויסגירופן אין דער ארטאדאקסישער וועלט. מיר פארזיכערן אבער בע"ה, אז אויך דער יום טוב נומער, וואס גייט ארויס לכבוד דעם יובילעאום פון אונדזער באוועגונג, וועט זיין א ליטעראריש-וויסנשאפטליך בוך. א חוץ וואס אין זעלבן נומער וועט זיין א ספעציעלע אפטיילונג וואס עס וועט אין ווארט און בילד איבערגיגעבן ווערן, אלץ וואס די בנות-ארגאניזאציעס אין יעדן ארט.

**אונדזערע** פריינט, וואס ווייסן שוין פון לאנג, אז מיר גיבן נישט קיין פוסטע הבטחות און ב"ה, אז מיר זענין תמיד מקיים וואס מיר זאגן צו, וועלן זיך מיט שפאנונג דערווארטן די וויטערע פרטים, וועגן דעם יום-טוב נומער, וואס וועט זיין א צירונג אין יעדן יידישן הויז!

# די שיינע דינה

די שיינע דינה, אדער ווי מ'האָט זי שפּעטער גירופן: — דינה יחייא, איז געבוירן געוואָרן אין ליסאַבאָן, די הויפּט-שטאָט פון מ"ד לאַנד פּאָרטוגאַל, אין די זעכציקער יאָרן פונעם פופצנטן יאָר הונדערט, צו רייכע און אַריסטאָקראַטישע יידישע עלטערן.

זי איז געווען גיראָטן מיט זייער אַ סך מעלות; אַ בלענדנדע שיינקייט, וואָס איז נישטאָ איר גלייכן: אַ וואוילגילערנטע אין די יידישע ספרים און אין וועלטלעכער בילדונג; זי האָט גיהאַט אַ שאַרפן פאַרשטאַנד און אַ סך קענטענישן און דערביי איז זי אויך געווען זייער באַשיידן און צניעות-דיק.

הארכיון היהודי

דינה האָט באַקומען אין איר עלטערן-הויז אַ שטרענג-רעליגיעזע דערציאונג, פיינע מאַניערן און אַ פרומען לעבנס-שטייגער. אַזוי ווי דער רוב יידישע טעכטער פון יענער צייט און דערביי האָט זי זיך אויך אויסגיצייכנט מיט פיל ענערגישקייט און מיט אַ שטאַרקן ווילן.

זייענדיק נאָך גאָר יונג, האָבן זי אירע עלטערן חתונה גימאַכט מיט אַ גילערנטן בחור פון זייער אַ שיינער און מיוחס-דיקער משפּחה, דוד אבן יחייא האָט ער גיהייסן, ער איז געווען דער זון פון דעם, אין יענער צייט באַוואוסטן יידישן גילערטן, דאָן יוסף יחייא, וועלכער איז געווען אַ קרוב למלכות ביים קעניג אַלפאַנס דער פינפטער, קעניג פון פאָרטוגאַל.

דוד אבן יחייא איז געווען אַ גרויסער תלמיד-חכם, אַ קענער פון דער העבּרעאישער גראַמאַטיק און אַ פילאָזאָף און אַ מענטש מיט זייער אַ גוטמוטיקן און אידעלן כאַראַקטער.

נאָך מיידל-וויז האָט דינה גידענקט גאַנץ תנ"ך, דאָס ספר „בחינת עולם" פון ר' ידעי' הפניני בדרשי און „שמנה פרקים" פונים רמב"ם פון אויסנווייניק, און זי האָט גישיינט ווי די ליכטיקע זון, וואָס דערפאַר האָט מען זי גיקרוינט מיט דעם נאָמען: „די שיינע דינה".

נאָכדעם ווי דינה האָט חתונה גיהאַט מיט דעם גילערנטן דוד אבן יחייא, האָט זיך פאַר איר געעפנט אַ נייע וועלט און זי האָט נאָך פאַרמערט צו שטודירן און צו לערנען.

אָבער נישט לאַנג גידויערט די צייט פון איר גליקלעכן לעבן און רואיקייט.

צום אומגליק פון אַלע פאָרטוגאַלישע יידן, איז דער קעניג פון פאָרטוגאַל, אַלפאַנס דער פינפטער געשטאָרבן און זיין זון, דאָן זשואַן דער צווייטער, דער יורש פונים קעניגלעכן טראָן, איז גיווארן באַאיינפלוסט פון די קאַטוילישע גלחים, וועלכע האָבן אים כסדר גיהעצט אַ קעגן דער יידישער באַפעלקערונג.

ארכיון אתובות

ס'איז דערגאַנגען אַזוי וויט, אַז אין אַ געוויסן טאָג אין יאָר 1494 האָט דער קעניג זשואַן אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז אַלע יידן, וואָס געפונען זיך אויפן פאָרטוגאַלישן באָדן זאָלן זיך שמדן.

ס איז דעמלט געווען אַ גרויסע עת-צרה פאַר יידן. דעם זיבעציקיעריקן זקן דאָן יוסף אבן יחייא האָט די דאָזיקע גזירה גיטראָפן אַזוי ווי אַ דונער. וואָס טוט מען? — האָט ער גינומען זיינע דריי זין דוד, מאיר און שלמה און איז אַנטלאָפן פון פאָרטוגאַל, איבערלאָזנדיק זיינע שנורן אויף ג—טס באַראָט.

דינה, דוד'ס פרוי, האָט נישט גיוואָלט בלייבן אין דער היים. זי האָט זיך פאַרקליידט פאַר אַ מאַנסביל און איז נאָכגילאָפן.

אויפן גאַנצן וועג האָבן זיי זיך אָנגיליטן אָן אַ שיעור ליידן און פיינלעכע יסורים, ביז זיי זענען ענדלעך צוגיקומען צו דער איטאַליענישער שטאָט פּיזאַ.

האָט זיך גימאַכט, אַז פונקט אין דער זעלביקער צייט, האָט דער שוועדישער קעניג קאַרל דער אַכטער, מלחמה גיהאַלטן מיט איטאַליע און די שיף מיט די פּאָרטוגאַלישע אַנטלאָפענע יידן איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון קאַרלס חיילות, וועלכע האָבן אַרומגירינגלט די שטאָט פּיזאַ און זי איינגינומען. די שוועדישע אָפיצירן דערזעענדיק די שיינע דינה'ן, האָבן גיוואָלט אַוועקרייסן זי מיט גיוואַלט. אָבער דינה האָט זיך אַרויסגירייסן פון זייערע הענט, זי איז אַנטלאָפן און באַהאַלטן זיך אויף זייער אַ הויכן טורים.

די אָפיצירן האָבן באַלד נאָכגישיקט זעלנער צו זוכן און צו כאַפּן זי. ווען דינה האָט אָבער באַמערקט אירע נאָכיאָגער פון דער ווייטנס, האָט זי זיך גימאַכט הארץ און אויסרופנדיק אויף אַ קול: „בידך אַפקיד רוחי" — האָט זי זיך אַראָפּגעוואָרפן פונים הויכן טורים — — — — — — — — — — —

האָבן מיר דאָך אַ גוטן פאָטער אין הימל, וועלכער „גיט אַכטונג אויף די נשמות פון זיינע פרומע קינדער". איז גישען אַ נס: דינה איז גיבליבן ליגן אויף דער ערד אומגי-ניזק-ט און ס'האָט איר נישט פאַסירט קיין שלעכטס. זי איז נאָר געווען צורודערט פון דער שרעקלעכער טרעפונג און זי האָט זיך נישט גיקענט אויפהייבן פונים אָרט.

האָבן די זעלנער זי אָפּגיפירט אין זייער לאַגער און דער הויפּט-אָנפירער פון די שוועדישע חילות, אַן-עלטערער גענעראַל האָט גיהייסן מ'זאָל דינה'ן שמידן אין קייטן און זי איינשפּאַרן אין דעם גיפענגעניש, וואו איר שווער מיט זיינע זין זענען גיזעסן.

דאָן יוסף אבן יחייא האָט ביי זיך גיהאַט זייער אַ סך געלט און ער האָט פאַרשטאַנען אונטערצוקויפן דעם גענעראַל, וועלכער האָט זיי אַלעמען באַלד באַפרייט און זענען גיבליבן זיצן אין פּיזאַ אונטערן שוץ פונעם שטאָט-קאָמענדאַנט. די רעגירונגס-לייט, דערוויסנדיק זיך, אַז די יידן האָבן אַרויסגיפירט פון פאָרטוגאַל אַ גרויס פאַרמעגן, האָבן זיי אָנגיהויבן צו העצן און אָנצורייצן דעם המון אַ קעגן די פרעמדע יידן.

מ'האָט זיי באַשולדיקט, אַז זיי אָגיטירן די אָרטיקע „אנוסים" צוריקצוקערן צום יידישן גלויבן. פאַרשטייט זיך, אַז אַלס ערשטער קרבן איז גיפאַלן דער גרייז-גראָער זקן פון די אַנטלאָפענע יידן, דאָן יוסף יחייא, וועלכער איז באַלד אַרעסטירט גיוואָרן און ס'איז אַ קעגן אים פאַרפירט גיווארן אַ פּראָצעס.

דאָן יוסף איז גיפייניקט גיוואָרן אין דער תפיסה אויף אַ שרעקלעכן אופן, און דער סוף איז געווען, אַז די פּיזאַער רעגירונג האָט פון אים אַרויסבאַקומען בערך צען טויזנט גאָלדענע דוקאַטן און מ'האָט אים באַפרייט. ער האָט אָבער נישט גיקענט צוקוקן זיך צו די גרויסע צרות פון זיינע ברודער און צו דערטראָגן די שווערע יסורים וואָס ער האָט זיך אָנגיליטן, און אין עטלעכע טעג אַרום נאָך דער באַפרייאונג איז דאָן יוסף יחייא געשטאָרבן ביי 73 יאָר אַלט.

נאָך זיין טויט האָט די שיינע דינה באַמערקט, אַז די רעגירונגס-לייט וואַרפן אויף איר אויגן און מ'טוט אַרום איר פאַרשפּרייטן אַ נעץ, האָט זי נישט לאַנג גיקלערט און איז אין אַ פינצטערער נאַכט אַנטלאָפן קיין פלאָרענץ, וואו זי האָט געבוירן איר בכור, וועמען זי האָט אַ נאָמען געגעבן „יוסף", נאָך איר שווער דאָן יוסף אבן יחייא. דער דאָזיקער יוסף איז שפּעטער באַרימט גיוואָרן אַלס גרויסער גילערנטער און פילאָזאָף.

דערווייל איז איר מאַן דוד יחייא, אויפגינומען געוואָרן פאַר אַ רב אין דער שטאָט נעאַפּאָל, דאָרט האָט זיך דינה אָנטפּלעקט אין איר גאַנצער גרויסקייט מיט אירע מעשים טובים און זי איז



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ח/גליון 064 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

# אינים הויז פון דער דערציערן

(פונים בוך „רבקה” — זע ב"י נומער 63)

ג.

**אזוי** ווי די „נאטור פירט צו טוגנט און טוגנט צו נאטור”
אזוי איז דידאזיקע גוטע און איידילע פרוי שטענדיק אויפגיזוכט גיווארן פון פרויען מיט אנ-עמפענגלעכן גייסט און די פרויען, וואס זענין גיוועזן ווייניקער עמפענגלעך, זענין ווידער אויפגיזוכט גיווארן פון איר צו וועקן ביי יעדן קינד פון יידישע עלטערן דאס שלומערנדע גיפיל פארן יידישן וועזן, יידישע זיטליכקייט, יידיש פאמיליען-לעבן און יידישער היים. קיין איין פרוי האט נישט פארלאזט איר הויז נישט מיטנעמינדיק מיט זיך דעם ערהאבינים אידעאל און א גיוויסע איידילע צופרידנהייט מיט זיך זעלבסט אדער אן דעם אידעאל, ווי עס דארף אויסזעען אנ-אמת יידישע פרוי. פרוי טוועסט איז גיוועזן איינע פון די זעלטינע מענטשן, וואס קענין די נשמה פון דער יוגנט און זי האט גיוואוסט, ווי אזוי אויף זיי צו ווירקן. רייך מיט ידיעות באזיצנדיק א שטארקן ווילנס-קראפט, קלאר אין די דערקענטנישן פון די לעבנס-אויפגאבן און קענינדיק גוט די פסיכאלאגיע פון דער צארטער נשמה פונים ייגגן קינד מיט אלע זיינע פריידן און ליידן איז זי גיוועזן אן-אידעאלע ערציערין, א מורה דרך פאר דער יידישער פרויען-יוגנט און איר גיוויזן דעם אמת-ן לעבנס-וועג, אויף וועלכן זיי האבן צו גיין אלס יידישע טעכטער. דערביי האט זי זיך באנוצט מיט אזא פעדאגאגישן מעטאד, וואס האט אויף דעם ייגגן קינד נישט אנגיווארפן קיין אימה, דאס קינד האט פאר זיך נישט גיזעען א שטרענגע לערערן, נאר אן-עלטערע שוועסטער, וואס שפילט זיך מיט איר, גיט זיך מיט איר אפ, דערציילט שיינע מעשה-לעך אלס מיטל צו ווייזן די קינדער דעם ריכטיקן וועג. דער דאזיקער מעטאד ווירקט לאנגזאם אבער זיכער.

## דער באזון

**דער** המון זאגט, אז דאס איינפארמיגע מאנאטאנע טויט אפ, די ריכטיקייט פון דעמדאזיקן גידאנק קאן מען נאר זעען דורך דעם פארגרעסער-גלאז פון שלעכטער גיוואוינהייט און איר צווילינגס-שוועסטער, די לאנגווייליקייט. ווער עס איז פריי פון עגאאיזם און אייגינים נוצן, ווער עס שטייט שטענדיק אין דינסט פונים העכסטן הער, אדער וואס איז אייגנטלעך גינוי דאס זעלבע אין דינסט פון זיין מיט וועלט, ווער עס פארשטייט דאס ווערטל, צייט איז געלט אינים ערהאבנסטן זין, אז די צייט האט אים ג—ט גישענקט אויף א אומבאשטימטער צייט און ער גידענקט שטענדיק, אז די דאזיקע מתנה קאן אים יעדן טאג צוגינומען ווערן — דער וועט שטענדיק וויסן, ווי אזוי אויסצוניצן די צייט, און פרייד-פולע פיל פארבקייט אין דעם מאנאטאנים פון זיין ארבייט און ווירקן.

גיוועזן א מוטער פאר אירע פארפאלגטע און גיפלאגטע ברודער וואס זענין אנגיקומין קיין נעאפאל.

אבער אויך אין נעאפאל איז איר נישט באשערט גיוועזן צו זיצן לאנג במנוחה. אין א צייט ארום איז ארויס א באפעל, אז אלע יידן מוזן פארלאזן נעאפאל.

פון דעמלט אן האט זי גימוזט ארומוואנדערן מיט איר פאמיליע פון ארט צו ארט, ביז זי האט זיך צום סוף באזעצט אין דער שטאט גימאלא. דארט האט די שיינע דינה נאך גילעבט עטלעכע יארן און איבערגילאזט נאך זיך א שם-טוב אויף לאנגע דורות.

יעדער מענטש קאן אין דער ארבייט צום גוטן און וואויל פון זיינע מיטמענטשן גיפונין אן-ערהאבינים גענוס.

— — — — — — — — — — — —

דער באזוך פון בנימינן מיט זיין טאכטער רבקה איז פאר פרוי טוועסט גיוועזן אנ-אמתע פרייד. פרוי טוועסט האט איצט גיהאט אנ-ערהאבינע און איידילע אויפגאבע, אויסצובילדן דאס איינאייציקע קינד פון איר ייגג פארשטארבינער שוועסטער פון אנ-אמתער יידישע פרוי, אויך זי צו דערציען אינים גייסט פון די יידישע אידעאלן און טראדיציעס.

רואיק און מיט דער אומגיקינצלטקייט, אויפריכטיקער הארציקייט האט זי זיי באגריסט און זיך צוקושט מיט דעם קליינים יתומ-ל און זי צוגיטוליעט צו זיך, ווי א מאמע.

זאל דער ליבער ג—ט שיקן זיין ברכה, ארים קינדילע מיינס — האט זי ענדלעך זיך אפגירופן צו רבקה-לן. רבקה-לע פון היינט אן וועסטו זיין מיין קינד. און אז דו וועסט מיך פאלגן, וועל איך דיך שטענדיק ליב האבן.

די ביסט דען די מאמישי — האט רבקה-לע גיפרעגט פארוואונדערט — וואס איז שוין לאנג פון אונדז אוועק? א, זייער גוט, וואס איך האב דיך ענדלעך גיפונין — האט דאס קינד א פלעסק גיטון פרייי לעך מיט די הענטלעך — איך וועל דיך שטענדיק ליב האבן, מאמישי, איך וועל שוין דא בלייבן מיט דיר.

פרוי טווערסט איז גיוועזן שטארק גירירט פון דידאזיקע ווערטער. די טרערן האבן זי גישטיקט און נישט גיקענט אויסרעדן קייןווארט. זי האט א שווייגנדע אנגינומען דאס קינד פאר-ן הענטל און עס ארייגגיפירט אינים צימערל, וואס איז ספעציעל פאר איר גימאכט גיווארן אין אורדנונג.

רבקה-לע האט זיך פון דער ערשטער מינוט אנגיהויבן צו פילן היימיש. צווישן דער ערציערין און דעם קינד האט גיהערשט א אהבה-ע ליבשאפט. פרוי טווערסט איז פאר דעם קינד גיוועזן — א מאמע און דאס קינד פאר פרוי טווערסט — א טאכטער. די דערציאונג פאר דעם קינד איז פאר פרוי טוועסס גיוועזן אנ-אמתער גינוס.

(ווייטער זע נומער 65)


לכבוד דעם פיניף-יעריקן יובילעאום פון בנות-אגודת-ישראל

גייט ארויס א ביליקע פראפאגאנדע-בראשור

„וואס איז און וואס וויל בנות-אגודת-ישראל?”

דאס דאזיקע ביכל וועט געבן א גינויע אויפקלערונג איבערן פראגראם, ציל און ארבייט פון די בנות-אגודיסטקעס.

הויך די פאן פון בנות-אגודת-ישראל!




בית יעקב-לודז/גליון/שנה ח/גליון 064 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

# די שפּראַך פונים קינד

## פּאָפּולער פּעדאַגאָגיש־וויסנשאַפטלעכער שמועס

**איינס** פון די גרעסטע און טיפסטע סודות פון דער מענטשלעכער נאַטור איז די שפּראַך פונים קינד. פונוואַנען האָט זיך דאָס פּלוצלינג גינומען אין אַ שיינים פרימאָרגן צו דעם קליינים פּיצילע קינד דאָס וואָרט „מאַמע"!? — וועלכער וואונדערלעכער און אומזיכטבאַרער לערער האָט דעם קינד אויסגילערנט צו רעאַגירן מיט פרייד אויסרופן „טאַטע".

וועלכער גיהיימער מייסטער האָט אַריינגיגעבן דעם פּיצילע קינד די וואונדערלעכע רעטזעלהאַפטע אייגנשאַפט אַרויסצוברענגען די פאַרשידינע קלאַנג־פאָרמין פון דער מענטשלעכער שפּראַך און זיי שפּעטער צונויפבינדן, צונויפצופּאַסן אין באַזונדערע ווערטער, אין באַזונדערע פאַרשטענדלעכע אויסדרוקן?

אין דער וויסנשאַפט זענין וועגן דעם מחולק צווישן זיך צוויי טעאָריעס.

די ערשטע טעאָריע זאָגט, אַז די שפּראַך־אַנטוויקלונג ביי דעם קינד איז אַ רעזולטאַט פון אַ נאַטירלעכער, זעלבסטשטענדיקער שאַפונג. דאָס קינד קומט אויף דער וועלט אָרים און אומבאַהאָלפן, אָן שכל אָן פאַרשטאַנד און אָן ערפאַרונג. אָבער אין די טיפע טיפינישן פונים קינדס נשמה ליגן באַהאַלטן די קעמערלעך פון פאַרשטאַנד, און וואָס עלטער דאָס קינד ווערט, אַלץ מער אַנטוויקלין זיך די דאָזיקע פעאיקייטן, וואָס דרימלין אינים קינד פון גיבוירנהייט אָן.

דאָס זעלבע איז אויך מיט דער שפּראַך. די דאָזיקע פעאיקייט דרימלט אָבער אין די טיפינישן פון דעם קינדס נשמה, ביז עס קומט דער מאָמענט, און די דאָזיקע פעאיקייט הייבט זיך אָן צו וועקן און מיר בלייבן שטיין פאַר דעם גרויסן נס פון דער מענטשלעכער שפּראַך. דאָס איז אַלזאָ אַ שיטה, וואָס זאָגט, אַז די מענטשלעכע שפּראַך איז נישט קיין „יש", וואָס איז גישאַפן גיוואָרן פון „אַין" נאָר אַ „יש", וואָס ווערט גישאַפן פון אַ „יש" פון אַ פאַרטיקן שפּראַך־יסוד, וואָס ליגט באַהאַלטן אין דעם מענטשנס נשמה זייט ער איז גיבוירן גיוואָרן.

די צווייטע טעאָריע לייקנט אָפּ די השערה, אַז דאָס קינד טראָגט אין זיך פון גיבוירנהייט אָן די שפּראַך אַנטוויקלונג. די שפּראַך — זאָגט די צווייטע טעאָריע — איז אַ פּראָדוקט פון אויסערלעכע השפּעות, וואָס ווירקן אויף דער אַלגימיינער פּסיכישער אַנטוויקלונג פונים קינד.

אָן דער אויסערלעכער סביבה — שטעלט פעסט די דאָזיקע טעאָריע — וואָלט דאָס קינד פאַרבליבן שטום. און אויב מיר זעען, אַז דאָס קינד הייבט־אָן צו רעדן, איז עס נישט צוליב דעם, וואָס אין דער נשמה פונים קינד ליגט באַהאַלטן די שפּראַך־אייגנשאַפט, נאָר צוליב ריין־אויסערלעך ווירקנדע סבות פון דער סביבה, און ווירקונגין. און דעריבער זעען מיר טאַקע, ווי דאָס קינד נעמט נאָר איבער די שפּראַך פון דער סביבה אין וועלכער עס גיפונט זיך.

מיר וועלן זיך יעצט נישט אָפּשטעלן אויף דעם, וועלכע פון ביידע טעאָריעס איז מער קרוב לאמת. פאַראַן אפילו אַ סברא, אַז ביידע טעאָריעס זענין ריכטיק. ד. ה. אַז דאָס קינד ווערט גיבוירן מיט דער שפּראַך־פעאיקייט אין זיין נשמה און אַז די אַנטוויקלונג פון דער שפּראַך קומט אַלס רעזולטאַט פון דער אויסערלעכער סביבה און ווירקונגין.

ווי עס זאָל נישט זיין, צי דער אמת איז מיט דער ערשטער, אָדער מיט דער צווייטער טעאָריע, אָדער גאָר מיט דער שיטה, וואָס פּרואווט צו מאַכן אַ סינטעז פון ביידע טעאָריעס צוזאַמין. — איז אַלץ די שפּראַך, איינס פון יענע גאָטלעכע גיהיימניסן, וואָס ברענגט אונדז אַריין אין אַ הייליקער התפּעלות פאַר דעם גרויסן וואונדערלעכן רעטעניש, וואָס רופט זיך אָן „מענטש".

יאָ, די שפּראַך איז איינס פון די קען־צייכנס, וואָס טיילן אויס דעם מענטש פון אַנדערע בריאים. די שפּראַך ווייזט אונדז, צי דאָס קינד איז גייסטיק נאָרמאַל אָדער גייסטיק צוריק גישטאַנען, צי עס איז אַ וואונדער־קינד מיט אויסערגיוויינטלעכע גייסטיקע פעאיקייטן אָדער עס איז אָפּגישטאַנען, גייסטיק נישט אַנטוויקלט.

גיוויס שפּילט אין דער שפּראַך פונים קינד, אַ גרויסע ראָל די נאָכמאַכונג. דאָס קינד זאָגט טיילמאָל נאָך ווערטער, וואָס עס הערט פון די דערוואַקסינע נישט פאַרשטייענדיק דעם באַגריף פונים וואָרט. אָבער דאָס אַליין טאַקע, די פעאיקייטן נאָכצומאַכן, נאָכצומאַכן אַנדערע, ווייזט שוין אויף אַ גיהעריקער הויך פון אינטעליגענץ און אַנטוויקלטן זכרון.

מען דערציילט אַ מעשה וועגן אַ גרויסן גאון, זיין נאָמען איז מיר גראָד אַרויס פון זכרון, נאָר אויב איך האָב נישט קיין טעות, איז עס דאָכט זיך גיוועזן דער „מגן אברהם". אַלס 5־יעריק קינד איז ער גיוועזן אַ וואונדער־קינד און די גאַנצע שטאָט האָט מיט אים גיקלונגין. איינמאָל האָט זיין פאָטער אים גיבראַכט צום כראַביע און יענער האָט מיט דעם קינד גימאַכט אַזאַ עקספּערימענט. ער האָט פאַר אים פאַרגילייגט אַ ביכל אויף פראַנצויזיש, דאָס ביכל האָט גיהאַט אַן ערך פון 100 עמודים. און דאָס קליינע וואונדער־קינד איז גיזעסן ביים טיש און איינהערנדיק זיך אין די ווערטער האָט ער אַוועק גילייגט דאָס קעפּל אויף דער האַנט. דער כראַביע האָט אינדערמיט פון ליינין אַ קוק גיטון אויפן קינד און גימיינט אַז ער איז אַנטשלאָפן גיוואָרן האָט ער אים אַ פרעג גיטון אויף פּויליש „צאַ טי ספּיש?" — און ווייטער גילייענט. ווען דער כראַביע האָט גיענדיקט, האָט דאָס קינד איבערגיחזר'ט פון אויסנווייניק דאָס גאַנצע בוך פון „אלף" ביז „תיו" אויף פראַנצויזיש, [illegible] פאַרפּלאָנדיק דערביי קיין וואָרט. דערביי האָט ער אויך אַפילו נישט פאַרגעסן צו זאָגן אויף פּויליש די ווערטער: „צאַ טי ספּיש?" און דאָס גראָד אויפן זעלבן אָרט אינים ביכל, וואו דער פירשט האָט אים דאָס גיפרעגט.

דערפון האָט זיך [illegible] אַרויסגיוויזן, אַז דאָס קינד האָט נישט פאַרשטאַנין קיין איין וואָרט פראַנצויזיש און נישט קיין פּויליש. ער האָט פאַרמאָגט אַ גיוואַלטיקן זכרון און ממילא אויך אַ זייער אַנטוויקלטע נאָכאַמונגס־קראַפט, און אַ דאַנק טאַקע אַט די דאָזיקע פעאיקייטן איז ער שפּעטער גיוואָרן איינער פון די גרעסטע גאונים ביי יידן.

דאָס דאָזיקע מעשה־לע האָבן מיר נאָר גיברענגט כדי צו אילוסטרירן די וויכטיקייט פון דער* שפּראַך אַלס מעסטער פון אינטעליגענץ, זכרון און נאָכאַמונג פעאיקייטן פונים קינד. די שפּראַך איז דער איינציקער שליסל צו די באַהאַלטינע גייסטיקע אוצרות, וואָס דרימלין אין יעדער מענטשלעכער נשמה! און דעריבער איז דער עלעמענטאַרסטער חוב פון די עלטערן און שפּעטער פון די לערער און לערערינס זאָרגפעלטיק צו אַנטוויקלן די שפּראַך פעאיקייטן פונים קינד.

נאָך וועגן דעם — אַ צווייט מאָל.


לכבוד דעם יובילעום פון בנות אגודת ישראל

דערשיינט אין אונדזער פאַרלאַג
גיזאַמלטע שריפטן פון שרה שענירער.
פּרטים — זעט די ווייטערע אַנאָנסן!

# רבי מעשל לאצהעער דער שומר פון כותל מערבי

## פון בנימין מינץ תל-אביב

(סוף)

לונג („ירושלים", באנד צען) דערציילט, אז יעדן ערב שבת פלעגט ר' מעשל ברענגען צום כותל א קליין טישל און אויף דעם האט ער אויפגישטעלט א גרויסן לאמטער מיט צען לעמפלעך פון שמן זית. ער מיט זיינע חסידים האבן דארט גידאוונט מיט א מורא-דיקער התלהבות. דער דאזיקער מנהג האט אנגיהאלטן א-בער פערציק יאר, ביזן יאר תרע"ב, ווען ער איז גיווארן אפ-גישאפט דורך דער רעגירונג.

ר' מעשל האט אויך גיפועלט, צו ערלויבן אויסצושפרייטן א צו-דעק פון כותל ביז קייגנאיבערדיקן וואנט איבער דער גאנצער ברייט פון געסל. און האט דארט אוועקגישטעלט טישלעך, בענקלעך און שטולן, אן ארון-קודש, אן עמוד און אפילו... קי-שנס פון פעדערן. און איינמאל, ווען אן אראבער האט אראפגיריסן דעם צודעק, האט ר' מעשל דורך דער פארמיטלונג פון הכם-באשי אלי-שר גיבעטן שוץ ביי דער רעגירונג, וועלכע האט טאקע אוועק-גישטעלט א פאליציאנט צו היטן דעם צודעק.

אבער ר' מעשל האט זיך מיט דעם אלעם נישט באגניגט. ער האט גיוואוסט, אז כל-זמן ס-וועט זיך אים נישט איינגעבן איינצופירן, מיט דער הסכמה פון די רבנים, די שמירת המקדש, האט ער נישט פארווירקלעכט דעם עיקר פון זיין גידאנק: דעם כותל מערבי אלס צענטער פון קדושה פארן פאלק, דער קערן פון דער נאנטער גאולה.

ער האט נישט גישוויגן און נישט גירוט. איןווארט און אין שריפט האט ער אין פלאם-פיירדיקע ווערטער, עפ"י נגלה און עפ"י נסתר, פראפאגירט פאר זיין גידאנק.

אין איינים פון זיינע קונטרסים איז אויך גידרוקט א הסכמה און בריוו פון ר' דוב בער שיינין פון מאליוו, איינים פון די עלטסטע אנגיזעענסטע חב"דער חסידים אין ירושלים. ער רימט ר' מעשלען אויסערגיווענלעך און זאגט אויף אים, אז זיין גאנץ שטרעבן איז נאר צו דערהייבן ג-טס הויז אויך אין דער צייט פון גלות... איינצופירן איך בזמן הזה משמורות און לויט ווי מען הערט האט די רעגירונג ערלויבט צו קויפן ס-גרויסע הויז, וואס גרעניצט זיך אויפן כותל פון צפון זייט. וואס דארטן איז דער ארט פון די משמורות... און אויב דער אייבערשטער וועט אים צוהעלפן וועט עס זיין אן אתחלתא דגאולה".

אבער כאטש דער דערמאנטער רב האט גיבעטן דעם ליובאווי-טשער רבין מעיין צו זיין אין דער זאך, און כאטש ר' מעשל, זיין גרויסע ליבשאפט צו ארץ ישראל, האט גיוואלט אויסוויין די רבנים, וואס אין די גלות-לענדער, אז דער אויפטו פון דער דאזיקער הלכה האט גימוזט זיין אין ירושלים דוקא, ווייל מען האט פון הימל גיוואלט ווייזן „דעם כח און חשיבות פון ארץ ישראל אקייגן חוץ לארץ" — פונדעסטוועגן האט ער גארנישט אויכגיפירט, ווייל די רבנים האבן נישט גיוואלט דערצו מסכים זיין.

אין ירושלים אליין האט ער אויך גיהאט קעגנער. און כאטש די גאונים דיסקין און אדר"ת האבן מיט אים מסכים גיווען בנוגע דעם כבוד פון כותל, האבן זיי אבער נישט גיוואלט מסכים זיין צום ענין פון משמורות.

ר' מעשל האט אבער פארט ביז אין די לעצטע יארן פון זיין לעבן ווען ער איז שוין גיווען אלט און שוואך, נישט פארגעסן אין כותל. אזוי שרייבט ער אין יאר תרס"ג צום גאון אדר"ת ז"ל (דער שווער פון הרב קוק):

„... און לויט ווי מען הערט קען מען יעצט לייכט דינגען דעם הויף, וואס איז נאנט צום כותל... עס איז די פליכט אויף אייך וואס איר האט זוכה גיווען, מ-זאל אייך קרוינען מיט דער רבנות קרוין אין ג-טס שטאט אין ירושלים, זיך משתדל צו זיין ביי די נדיבים צו דינגען דעם הויף... צוליב דעם כבוד פון בית המקדש... מ-זאל קענען מקיים זיין שמירת המקדש..."

מיט זיין פטירה איז דער גאנצער ענין פארגעסן גיווארן. אבער „מגלגלין זכות ע"י זכאי", וואס על-כל-פנים במשך פון כמעט זיין גאנץ לעבן, איבער פערציק יאר האט מען אונדז נישט בא-רויבט פון דעם עלעמענטארן רעכט, פון אויסשפרייטן א צודעק איבערן הויף און שטעלן בענקלעך ביים כותל, פון וועלכן מ-האט אונדז בארויבט יעצט אין דער צייט פון דער באלפור-דעקלא-ראציע...

מ-מוז דאך מודה זיין, אז ר' מעשל איז פארט גירעכט גיווען. ווען מיר וואלטן אים דעמלט גיפאלגט, וואלט נישט גיקומען צו דעם אלעם. מ-זעט דאך, אז אונדזערע שונאים טשעפן זיך צו יעדער קלייניקייט ביים כותל מערבי, כדי אזוי ארום צו שעדיקן דעם גאנצן ישוב ארץ ישראל.

ווי צו אונדז, ר' מעשל, וואס דו האסט אונדז נישט איבער-גילאזט קיין ריכטיקן ממלא מקום.

און אין יעצטיקן רעש פון כותל-מערבי-פאליטיק, זאל די וועלט וויסן, אז אין משך פון צענדליקער יארן, האט איינאיינציקער מענטש גיטראגן אויף זיך דעם עול פון כותל-מערבי, און דאס איז גיווען ר' מעשל קוצקער!

---

י. הלוי בירנבוים

# אקראנטש פערל

(גיזאמלט פון תלמוד, מדרשים און אנדערע ספרים)

אפילו א קליין פייגילע ווערט נישט גיפאנגען אין נעץ,
אן דער באשטימונג פון הימל, ווי ערשט דער מענטש.
(ירושלמי שבועות פ"ט הל"א)

*

דעם פעלער וואס דו האסט
דערמאן נישט דיין פריינט... (ב"מ נט)

*

פון דעם אויסזעען פון דיין פנים
ווייסט מען, וואס אין דיין הארץ. (זהר ויקרא)

*

די ערע פון מענטש
איז זיין קליידונג. (תנחומא צו סב)

*

א מינץ אין אליידיקע קרוג—שרייט, שרייט. (ב"מ פה)
(פון ליידיקע פעסער,
איז דאס גישריי גרעסער). (פאלקס-ווארט)

*

אפילו דו ביסט פארפאלקאמט אין אלע מעלות,
אויב דו פארמאגסט נישט קיין עניוות—פעלטס. (עלת רבתי פג)

*

דער סוף פון יעדער קריגעריי
— איז חרטה — — — (מבחר הפנינים ש' הענוה)

*

דער שטייגער פון א פרוי, איז—צו זיצן אינדערהיים
און דער שטייגער פון א מאן איז—צו זיין אין גאס. (ב"ר פי"ח)

*

דער וואס שפייט ארויף...
פאלט עס אויף זיין פנים — — — (קה"ר פ"ג)

ארכיון אסופות
הארכיון היהודי

## וועלכע בנות-ארגאניזאציעס האבן אלץ גיגעבן פאר „ישיבת חכמי לובלין".

א) לאדזש—25, ב) פאביניץ—15, ג) זד-וואלע—25, ד) בענדין—20, ה) פלאצק—20, ו) וולאצלאוועק—15, ז) קלימענטאוו—10, ח) יאנאוו—10, ט) לאסק—10, י) טארגאוו—10, יא) כושאנאוו—10, יב) וואנוואלניק—10, יג) טלושק—7.50 יד) דימאנאוו—10, טו) יענדזשעוו—10, טז) וויעלון—10, יז) קאליש—10, יח) גארוואלין—10, יט) אזשאראוו—10, כ) זעלעוו—10, כא) סטאניסלאוו—10, כב) פשיטיק—10, כג) קראשניק—10, כד) קאלאמיי—10, כה) באדזאנאוו—10, כו) בעלכאטאוו—10, כז) אפוואצק—10, כח) וואלבראם—10, כט) סאסנאוויץ—10, ל) ווישקאוו—10, לא) פלונסק—7, לב) אסטראוויעץ—10, לג) אפאטאוו—11.50, לד) ליגשיץ—10, לה) טשארטקאוו—10, לו) ברעזשין—5, לז) סקיערניעוויץ—5, לח) אסטראוו-מאז.—10, לט) וויערושאוו—10, מ) זאוויערטשע—1150, מא) זאקליקאוו—10, מב) ביאלא-ראוווסקא—10, מג) סאכאטשעוו—10,

סך-הכל 479.50

באמערקונג: דא איז די רשימה פון די וואס האבן ארויסגישיקט ביז דינסטיק פ' בשלח. שפעטער גישיקטע געלטער וועט זיין פארעפנטלעכט אין קומינדיקן נומער.

---

## ווייטערע הכנות צום בנות-צוזאמינפאר אין ווארשע.

דעם פאריקן דינסטיק איז ווידער גיוועזן אין ווארשע אַ ענגערע בּאראַטונג מכּח די הכנות צום נאָנטן בנות פוזאמינפאָר אין ווארשע. אין דער זיצונג האבן צוו. אַנדערע גינומין אַנטייל פרוי וואַרשאווער, פרוי וועגמייסטער, פרל. עלבוים, פרל. גרזעבמאַכער, און די פארזיצערן פרל. ראזא. ביי דער זיצוגג איז אויך גיוועזן דער פארשטייער פון מענער-ראַט ה' וואַרשאַווער. און רעד. פרידנזאן עס זענין אַרומגירעט גיוואָרן פאַרשידיגע פרטים און לויט דעם באַריכט פונים ארגאַניזיר-קאמיטעט וועט די אַרביט פון די הכנות באַלד אָנהייבן זיך מיט אַ שטאַרקן טעמפּא. דער ארגאַניזיר-קאמיטעט באַשטייט פון די פרויען: וואַרשאווער, וועגמייסטער, פייערמאַן, שטערלינג, פארזיצערן פרל. ראזא און די חברות גרזעבמאַכער, קלאַשטער, זאַטארסקא, ראטשטיין, עלבוים א. א.

## אבתיה-פאַרבאַנד אין לאדזש

חמשה-עשר בּשבט איז אין לאקאַל פון דער לאדזשער „בּנות" גיגרינדיט גיוואָרן אַ בּתיה-פאַרבאַנד אונטער דער אנפירונג פון פרל. שלענצקא. צום פאַרבאַנד גיהערן בּערך 300 קינדער פון די פאוושעכנע שולן. ע"פי רוב די וואָס לערינין אויף יידישע קורסן ביי די „בנות". אויף דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג האבן גירעט צו די קינדער די ה"ה פרידנזאן און שטשעקאַטש.

---

אכטונג! די בּנות-גרופּן, וואָס פאַרלאַנגין אַ פּרעלעגענטן אויף חול-המועד פּסח דאַרפן שוין שרייבּן אין צענטראַלן סעקרעטאַריאַט.

---




## באַגייסטערונג פאַרן פּראיעקט פון פרל. רבקה טשערניק

דער פּראיעקט פון פרל. טשערניק אין פריערדיקן נומער ב"י זשורנאַל אַז ס-זאָל אין יעדער בנות-גרופּע גילערנט ווערן פון חמשה עשר בּשבט אָן יעדער וואָך אַ פּרשה חומש פון בראשית אָן און אַזוי אַרום, אין זיבּן יאָר אַרום, זאל זיין אַ סיום אויף תורה שבכתב פון „בנות" ווען די אַלגעמיינע אגודה, וועט פייערן אַ סיום אויף תורה שבעל-פה, איז אויפגינומין גיוואָרן פון צענדליגער ארגאַניזאַציעס מיט גרויס פרייד און דער חומש-שיעור ווערט אַ גישעענער פאַקט.

## אַ פּראיעקט צו אַ פּראיעקט פון פרל. רבקה עלבוים

צו דעם פּראיעקט פון פּרשת השבוע, האָט צוגישיקט פרל. רבקה עלבוים פון וואַרשע, אַ צוגאַב-פּראיעקט, אַז ס-זאָל איינגעפירט ווערן אַ וואָך-אָפּצאָל פון 7 גראָשן פון יעדער חברה, אַזוי ווי ס-איז פאַראַן אַ דף-יומי-גראָשן. דאָס געלד זאָל גיין אויף אַ סטיפּענדיע-פאָנד פאר אומפערמעגליכע שילערנס, וואָס ווילן אָנקומין אין בית-יעקב סעמינאַר. דער פּלאַן שטעלט זיך פאָר אַזוי. בּיי יעדער בנות-גרופּע זאָל גישאַפן ווערן אַ ספּעציעלע סטיפּענדיע-קאַסע פון צוויי חברות, וועלכע זאלן אויף זיך נעמין די אינקאַסע פון די זיבּינער גר. דאָס געלט זאָל אַריינגילעגט ווערן אין אַ באַנק צו דער דיספּאָזיציע פון דער ב"י און בנות-אָרגאַניזאַציע. אין אַ יאָר אַרום זאל דער גאַנצער סכום פאַרטיילט ווערן אַלס סטיפּענדיע פאַר די בעסטע קאַנדידאַטנס, וואָס ווילן אנקומען אין סעמינאַר. עווענטועל זאָל זיין אַ גורל פון די בעסטע קאַנדידאַטנס.

אין ב"י זשורנאַל זאלן זיין די נעמין פון די קאמיסיעס און דער צ. ס. זאל ספּעציעל אַרויסגעבּן אַזעלכע זאַמל-בּויגנס. און יעדן חודש זאָל זיין אַ סך-הכל פון דעם געלט, וואָס וועט אָנקומין אויף דעם פאָנד!

אַזאַ ענלעכן פּראיעקט האָט אויך צוגעשיקט פרל. רחל הערשבערג (ביאַלאָ-ראַוו.)

## אַ גאַרוואָלינער בּנות חברה

האָט אונז צוגעשיקט אַ רוף צו אַלע בנות-חברות זיך מיין אָפּצוגעבּן מיטן פאַרשפּרייטן דעם בית-יעקב-זשורנאַל. מיר וואלטן דעם רוף גידרוקט. נאָר מיר ווילן זיך נישט איינרייסן מיט אַזעלכע שטעט ווי מלאַווע, זגערזש א. א. וואוהין דער זשורנאַל קומט נישט איבּער דער שוועל שוין אַ פּאָר חדשים...

## פרל. חנה שנור

פון גריידינג (גאַל.) לייגט פאר אַז ס-זאָל צונויפגירופן ווערן אַ בנות-קאָנפערענץ קיין לעמבערג, וואָס דאָס וואלט גיקענט אַרויסרופן די בנות-באַוועגונג פון מזרח-גאַליציע — כדאי צו הערן די מיינונג פון אַלע אַנדערע בנות-ארגאַניזאַציעס אין מזרח-גאַליציע.

## פרל. לאה גאלדבערג

פאַרלאַנגט אַז אַלע בנות-ארגאַניזאַציעס זאָלן שוין אנהייבּן אַ אינטענסיווע פּראפּאגאַנדע פאַר יידיש לשון. פרל. גאלדבערג איז בּאמת גירעכט און אַלע ארגאַניזאַציעס דאַרפן דאָס טון.

## פרל. מרים זילבערבערג

פון וואלבראם, אַפּעלירט צו אַלע יידישע טעכטער, זיי זאָלן זיך אָנשליסן אין „בנות אגודת ישראל" ווייל די דאָזיגע אידעע איז די איינציקע אידעע, וואָס קאָן אַריינדרינגען אין האַרץ פון דער בת-ישראל.

## צענדליקער חברות

פאַרלאַנגין דורכאויס, איינמאָל דורכצופירן אַ פּראָפּאַגאַנדע חודש פאַר דער בית-יעקב-ליטעראַטור, ווייל, דאָס פערשטענדניש פאַר אונזער ליטעראַטור איז זייער שוואַך בּיים בּרייטן עולם.

---

## חברות

### שבת פ' משפטים וועט גילערנט די צווייטע פּרשה פון בראשית, שבת פ' תרומה—די דריטע פּרשה פון בראשית

די וואס האָבּן נאָכנישט אָנגיהויבּן לערנין די פּרשת השבוע לערנין מיט אַמאָל היינטיקן שבת די ערשטע דריי פּרשיות פון בראשית ביז שלישי

---

האַלט נישט אויף די באַשטעל-קאַרטלעך אויף אונדזערע פּורים-אויסגאַבּן!

---

הארכיון היהודי



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ח/גליון 064 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

## רכיון אסופות

*

הארכיון היהודי

הארכיון היהודי

*

יון אסופות